פרשת ראה ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קס"ד

# הבינוני

שיעורי. הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש




## בר אבטח

## ונתן לך רחמים;

דער רבוש"ע איז דער מקור פון יעדע רחמנות אויף דער וועלט

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור ע"ט, יום ראשון פרשת וישב, כ' כסלו תשפ"א

חלק ב'

א

## כל המרחם על הבריות; אונזער ערדישע רחמנות ברענגט אַראָפּ די הימלישע רחמנות

### דער חיוב השתדלות; זיך מרחם זיין אויף אַנדערע

וויאַזוי קען אַ מענטש זוכה זיין אַז די רחמנות פון השי"ת זאל ווערן נתעורר און אַראָפּקומען צו אים? דאָס אַרבעט ממש **אויפ'ן זעלבן מהלך וויאַזוי מ'קען באַקומען די השפעות פון 'געלט און פרנסה'!**

די גמרא זאָגט (נדה ע, ב): **'מה יעשה אדם ויתעשר'** - וואָס זאָל דער מענטש טון כדי צו נתעשר ווערן? די ערשטע זאַך איז: **'ירבה בסחורה'** - ער זאָל טון השתדלות פאר פרנסה. און די צווייטע זאַך איז: **'יבקש רחמים ממי שהעושר שלו'** - ער זאָל מתפלל זיין און בעטן רחמים.

קומט אויס אַז כדי צו באַקומען געלט דאַרף מען (1) **מתפלל זיין** און (2) טון **אַ פעולה פון השתדלות** פאר ישוב העולם. דאָס זעלבע איז ווען מ'וויל זוכה זיין צו 'רחמנות' פונעם אויבערשטן, דאַרף מען צוערשט **מתפלל זיין** אַז דער רבוש"ע זאל טאַקע שיקן רחמנות, און אויסערדעם דאַרף מען אויך טון **אַ פעולה פון השתדלות.** וואָס איז די השתדלות פון רחמנות? זאָגן אונז חז"ל (שבת קנא, ב): **כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים.**

פונקט ווי ביי לגבי געלט דאַרף דער מענטש טון זיין חיוב השתדלות, פאַר'ן ישוב העולם, און השי"ת וועט אים שוין שיקן די שפע. אַזוי אויך לגבי רחמים זאָגט דער אויבערשטער: "דו טו וואָס איך הייס דיר, **זיי מיין שליח אויף דער וועלט צו טון רחמים.** און זאָרג זיך נישט, **איך וועל שוין דאגה'ן פאַר דיר.** דו וועסט באַקומען די רחמים וואָס דו דאַרפסט האָבן".

### זיי א 'נותן' פאַר אידישע קינדער!

צום ביישפּיל: אויב דער מענטש האָט אַ ספּעציעלע געפיל און כשרון צו באַגלייטן און אַוועקשטעלן בחורים וואָס דאַרפן האָבן חיזוק, זאָגט אים דער רבוש"ע: "דו זיי פאַרנומען צו העלפן בחורים. טראַכט נישט אויב דו פאַרדינסט פופציג דאָלער אַ שעה אָדער זיבעציג דאָלער אַ שעה. **טו דיין תפקיד מיט אַ געטריישאַפט.** אוודאי מעגסטו בעטן געלט, אָבער אפילו אויב מ'צאָלט דיר נישט יעצט, זאָלסטו עס ווייטער טון. זאָלסט געדענקן דעם עיקר, אַז **דאָס איז דיין שליחות צו מאַכן די וועלט אַ בעסערע פּלאַץ**, און איך וועל דיר שוין מסדר זיין וואָס דו נויטיגסט זיך".

דאָס זעלבע, אויב דער מענטש האָט אַ כשרון צו בויען בנינים אַז אידישע קינדער זאלן האָבן וואו צו וואוינען; אָדער אויב ער האָט דעם כשרון צוצושטעלן פּראָדוקטן אַז אידן זאלן האָבן וואָס צו עסן, **זאָל ער טון זיין שליחות מיט אַ נאמנות.** דער רבוש"ע זאָגט: "דו זאָלסט אויספירן דיין תפקיד פון 'לעבדה ולשמרה', און איך וועל דיר צושטעלן דיינע באַדערפענישן."

מ'זעט בחוש אַז איינער וואָס איז פאַרנומען צו טון און געבן פאַר אַנדערע; איינער וואָס איז אַ 'נותן'; ער בויעט און העלפט און טוט פאר יענעם, **אַזאַ איינער איז פול מיט חיות!** דאָס איז נישט בלויז אַן ענין פון דרויסנדיגע 'סיפּוק', **נאָר מען שפּירט זיך באמת מלא שמחה,** ער איז לעבעדיג און פריש, ער איז נישט האַלב טויט, צעבראָכן, צעשטאָכן און פאַרביטערט. ווייסט פאַרוואָס? **ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער אויסגעשטעלט די בריאה אַז דער מענטש זאָל זיין אַ 'געבער'.** דער רבוש"ע אַליין איז אַ 'נותן', און ער וויל אַז מענטשן זאלן זיין 'נותנים'. ווען אַ איד גיט פאַר אַנדערע, איז ער אויפ'ן ריכטיגן וועג, און דעמאָלט וועט אים דער אויבערשטער שוין מסדר זיין און געבן אַלעס פון אויבן.

### נישט פארמאכן דעם צינור פון רחמים

דאָס זעלבע איז לגבי דעם ענין פון רחמנות. דער אויבערשטער זאָגט: **איך דאַרף האָבן מענטשן אויף דער וועלט וואָס זאָלן זיין שליחים איבערצוגעבן מיין רחמנות פאר אידן וואָס דאַרפן עס האָבן.** איך וויל דאך געבן רחמנות פאר אידן, און כ'וויל אַז ס'זאָל קומען דורך אַ צינור דאָ אויפ'ן עולם הזה, אַז מענטשן זאלן איבערגעבן מיין רחמנות פאר אַנדערע. **ווען דו וועסט טון דיין תפקיד און האָבן רחמנות אויף אַ צווייטן איד, דעמאָלט וועל איך זיך אויטאָמאַטיש מרחם זיין אויף דיר.** דאָס אַרבעט 'באופן ממילא', ווייל אַזוי האָב איך אויסגעשטעלט דעם סדר הבריאה.

צומאָל זענען דאָ מענטשן וואָס שפּירן אַז קיינער האָט נישט קיין רחמנות אויף זיי, הייבן זיי אָן זיך אָפּצורעדן און פּרובירן אויף אַלע אופנים צו ערוועקן יענעמ'ס געפילן. אָבער באמת קען קיין שום מענטש נישט רחמנות האָבן אויף דיר! **ווייל יענער האָט בכלל נישט קיין אייגענע רחמנות. ער קען נאר זיין אַ צינור פון דעם אויבערשט'נס רחמנות.**

דער פּראָבלעם איז - ווען דו פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע מענטשן, און נישט אויפ'ן אויבערשטן -

**אַז דו פאַרמאַכסט דורכדעם נאָך אַ צינור און נאָך אַ צינור פון די רחמי ה'.** דו ביזט גורם אַז ס'זאָל זיין שווערער פאַר'ן אויבערשט'נס רחמנות זיך מגלה צו זיין אויף דיר, ווייל דו ביזט זיך פונה צו 'הבלים ושטי כזב'! דו גייסט אין דער פאַרקערטער דירעקציע, דו ווערסט דערווייטערט פונעם אויבערשטן, און דעריבער קען זיין רחמנות נישט קומען אויף דיר.

דערפאַר זאָגן אונז חז"ל אַז ס'איז דאָ אַ נאר איין מהלך צו מעורר זיין די רחמנות פון השי"ת. ערשטנס, זאָלסטו **מתפלל זיין און בעטן רחמים פונעם אויבערשטן.** און צווייטנס, זאָלסטו טון אַ פעולה פון השתדלות, **זאָלסט זיין אַ 'מרחם על הבריות'**, דאָס וועט אויטאָמאַטיש אַראָפּברענגען גוואַלדיגע חסדים ורחמים.

### וואַרפן עסנוואַרג פאַר די פייגעלעך

אַזוי שטייט טאַקע אין **שו"ע** (סי' תר"ה ס"א) ביי דעם מנהג פון כפרות ערב יוה"כ, אַז מען וואַרפט די בני מעיים פון די כפרות אויף די דעכער אָדער אויפ'ן פעלד, אויף אַזעלכע פלעצער **וואו די עופות זאָלן עס קענען עסן.** זאָגט דער **טו"ז** אויפ'ן פלאַץ, אַז מ'טוט פעולות פון רחמנות אויף די בעלי חיים, **כדי צו מעורר זיין רחמים אויף אונז, ווייל 'כל המרחם על הבריות, מרחמין עליו מן השמים'!** - דער אויבערשטער וויל אַז אונז זאָלן זיין אַ מרכבה לשכינה; מיר זאָלן זיך מרחם זיין, און אַזוי וועט ער זיך מרחם זיין אויף אונז.

הגאון רבי **חיים פאלאג'י** זצ"ל ברענגט אין ספר **רוח חיים** אַז מ'פירט זיך אַזוי ווען ס'איז דאָ אַ חולה וכדו', אַז מ'וואַרפט עסן פאַר די עופות אויף די דעכער, ווייל **ווען מ'האָט רחמנות אויף די בריאים, וועט מען באַקומען רחמנות פון הימל**, ווי חז"ל זאָגן 'כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים'.

ב

# חביבין ישראל שנבראו בצלם; וויאַזוי צו ווערן אַ מרכבה לשכינה דורך די מדה פון רחמנות

### זיין פאַרנומען צו 'געבן' אַנשטאָט צו 'נעמען'

מיר דאַרפן מאַכן דערפון **אַ 'דרך חיים'**, אַז אונזער קאָפּ זאָל אַלעמאָל גיין אין יענע'ס ריכטונג - **צו זיין אַ 'נותן' און אַ 'מרחם'.** אַמאָל קען מען זען אַ מענטש וואָס דאַרף האָבן אַ זכות, און **ער טוט ווייטער פעולות צו 'נעמען' און זיין אַ 'מקבל'.** ס'איז אַ שאָד, ווייל דו דאַרפסט דאָך יעצט מעורר זיין רחמי שמים. אויב אַזוי, **טו אַ השתדלות פון זיך מרחם זיין אויף אַנדערע**, וואָס דורכדעם וועסטו באַקומען רחמים פון הימל.

ס'איז דאָ אַ באַקאַנט בילד וואו הגאון רבי **אליהו לופיאן** זצ"ל גיבט צו טרונקן מילך פאַר אַ קאַץ. דאָס איז אַ פעולה פון 'כל המרחם על הבריות'. **עס מוז אָבער קומען מיט אַ נאַטירליכע געפיל פון 'וועלן געבן רחמנות'.** נישט בלויז אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן פון אַ 'סגולות אָרגאַניזאַציע' וואָס טיילט מילך פאַר קעצלעך...

אַ איד איז געקומען אויף דער וועלט כדי צו ווערן דבוק אינעם אויבערשטן. וויאַזוי איז מען מקיים דעם 'ולדבקה בו'? דורכדעם וואָס מ'פירט זיך מיט'ן אויבערשט'נס הנהגות כביכול. מה הוא רחום אף אתה רחום! דער פלאַן פונעם רבוש"ע איז געווען **אַז מיר זאָלן זיך מדבק זיין צו אים, דורך דעם וואָס מיר האָבן רחמנות אויף אַנדערע בריאים.** אַזוי ווערט מען אַ שטיק געטליכקייט, און מען באַקומט רחמים, ווייל מ'האָט זיך מדבק געווען צום מקור הטוב.

### האַלט זיך מיט'ן סיסטעם

דאָס איז געווען דער פלאַן פון דער בריאה: **אַז דו זאָלסט אַלעמאָל זוכן וויאַזוי דו קענסט זיין אַ 'מרחם'.** זאָלסט זיין פאַרנומען מיט 'געפילן פון רחמנות' און מיט 'פעולות פון רחמנות'. זאָלסט טון די מצוות פון צדקה, גמילות חסדים, ביקור חולים, א.א.וו. נישט בלויז ווייל "יענער איז אַזאַ גרויסער רחמנות", נאר **ווייל "איך וויל געבן רחמנות!"** און אויטאָמאַטיש, ווען אַ איד פירט זיך מיט'ן סיסטעם וואָס דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט, וועט די וועלט אָנהויבן שטימען.

צומאָל טונקט זיך דער מענטש אין חובות ל"ע און ער גייט דורך פאַרשידענע שוועריגקייטן, אַלעס וויבאַלד **ער איז צופיל פאַרנומען צו 'נעמען'.** וויפיל מער מען פרובירט צו זיין אַ 'מקבל', ווערט מען אַ קלענערער מרחם, און דורכדעם גייט מען אַוועק פון דעם סדר וויאַזוי די בריאה אַרבעט. **מ'דאַרף אָנהויבן 'געבן', אַנשטאָט צו 'נעמען'**, און דעמאָלט וועט מען בעזר"ה זען גוואַלדיגע רחמים וחסדים פון הימל!

### מ'דאַרף זיין אַ מענטש וואָס האָט רחמנות

דאָס האָט נישט צוטון דווקא מיט 'געבן געלט'. מ'קען זען פאַרמעגליכע מענטשן וואָס העלפן זייערע קינדער מיט געלט, אָבער נאָכדעם רעדן זיי זיך אָפּ: "פאַרוואָס איז מען מיר נישט מכיר טובה? פאַרוואָס וואַרפן מיר מיינע קינדער שטיינער? איך געב זיי דאָך אַזויפיל, איך האָב זיי חתונה געמאַכט, און איך האָב זיי שפּעטער אויסגעהאַלטן, פאַרוואָס האָבן מיר מיינע קינדער פיינט?"

פאַרשטייט זיך אַז מ'קען נישט מאַכן קיין כלל, אָבער אין געוויסע פעלער איז דער הסבר דערצו, ווייל דער אויבערשטער האָט נישט געוואָלט אַז מ'זאָל סתם וואַרפן געלטער צוליב אייגענע חשבונות אָדער אינטערעסן, **דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז "מיר זאָלן ווערן מענטשן וואָס האָבן רחמנות".** מ'זאָל נישט געבן געלט ווייל "איך בין דאָך אַ שיינער איד"... נאר מ'זאָל עס טון **ווייל מ'וויל זיך מדבק זיין צו דעם מקור פון טוב און זיך פירן מיט דער הנהגה פונעם אויבערשטן.** דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן ווערן אַזעלכע סאָרט מענטשן. און וויפיל מער מיר וועלן זיך טאַקע אַזוי פירן - צו רחמנות האָבן אויף אַנדערע און צו מתפלל זיין אויף רחמנות - אַלץ מער וועלן מיר מעורר זיין דעם מקור הרחמים, אַז ס'זאָל טאַקע אַראָפּקומען ביז צו אונז.

> **ער בעט בלויז אַז דו זאָלסט האָבן דעם געפיל פון רחמנות און אינזין האָבן אַ צווייטן איד**

### אונזער מהות: אַ כלי וואָס איז בטל פאַר השי"ת

**חז"ל** זאָגן (יבמות עט, א) אַז אידישע קינדער האָבן דריי סימנים: **רחמנים, ביישנים, און גומלי חסדים.** דאָס זענען די סימנים פון בני אברהם יצחק ויעקב, עד כדי כך אַז אויב ס'פעלט פון עמיצן איינס פון די דריי סימנים, דאַרף מען חושש זיין אויף זיין יחוס.

דער פשט דערפון איז נישט בלויז אַז 'רחמנות איז אַ אידישע געפיל'. דאָס איז גראַדע אויך אמת, אָבער דאָ ליגט אַסאַך אַ טיפערע נקודה: **אַ איד איז בטל צום אויבערשטן!** דער כאַראַקטער און מהות פון אַ איד איז: **אַ ליידיגע כלי וואָס איז גרייט צו זיין אַ מרכבה לשכינה.** יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ הרהור תשובה, **מאַכט ער פלאַץ פאַר'ן אויבערשטן;** יעדעס מאָל ווען ער האַלט זיך צוריק פון אַן עבירה, **מאַכט ער פלאַץ פאַר'ן אויבערשטן;** ווען ער דערהערט זיין אייגענע שפלות, ווען ער איז אַן אמת'ער עניו אפילו אויף אַ מינוט, **לאָזט ער אַריין דעם אויבערשטן אַסאַך מער.**

קומט אויס, אַז ווען מ'טרעפט אַן אַזאַ איד, **טרעפט מען כביכול דעם רבוש"ע.** אויב אַזוי, איז דאָך פשוט פאַרוואָס אידישע קינדער זענען 'רחמנים ביישנים גומלי חסדים', **ווייל זיי מאַכן נישט קיין מחיצה פאַר'ן רבוש"ע!** זיי לאָזן אים אַריין ביי זיך, און ווען ס'איז דאָ השראת השכינה קומט אויטאָמאַטיש אַרויס די אַלע דריי מדות.

## די השראת השכינה ביים איד וואָס טוט חסד

אַזוי זאָגט די **משנה** אין פרקי אבות (פרק ג, מי"ד): 'חביבין ישראל שנקראו בנים למקום'. און אין **אבות דרבי נתן** שטייט דאָס לשון: '**חביבין ישראל שנבראו בצלם**'. די ראשונים אויף דער משנה זענען מסביר, אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי ליב אידישע קינדער, ווייל **ער האָט זיי באַשאַפן אַלץ אַ כלי צו זיין גרייט אַז די שכינה זאָל רוען אויף זיי**. אידישע קינדער זענען מוכן ומזומן אַז ס'זאָל זיין ביי זיי אַ געוואַלדיגע השראת השכינה.

ווען דו טרעפסט אַ איד וואָס איז אויף גאַנצע נעכט פאר אַנדערע אידן; ער מאַכט טעלעפאָן פון גמילות חסד און ער לאָזט נישט אָפּ נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל; ער טוט חסדים און גוטס אפילו פאר אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן אים באַ'עול'ט אָבער ער האָט ווייטער רחמנות אויף זיי, איז דאָס אַ סימן אַז **וואַרשיינליך טוט דער איד תשובה ווען ער ליינט קריאת שמע שעל המיטה**, אָדער האָט ער נישט קיין גרויסע עבירות, ווייל **דו זעסט דאך אַז ער לאָזט אַריין די שכינה ביי זיך**, און ווען מ'לאָזט אַריין די שכינה ווערט מען אַ רחמן!

## מה ה' אלקיך שואל מעמך; דאָס געפיל פון רחמנות

דער רבוש"ע זאָגט פאַר'ן מענטש: "זיי קלוג און הייב אָן אַריינגיין אין דעם ריכטיגן מהלך החיים. **ווער אַ סאָרט מענטש וואָס גיבט רחמנות!** זוך אויף וויאַזוי דו קענסט העלפן און זיך מרחם זיין אויף אַנדערע. **דאַוון פאר אַ צווייטן איד, האָב רחמנות אויף אַ צווייטן איד.**"

אַסאַך מאָל בעט ניטאַמאָל דער אויבערשטער אַז מ'זאָל אַוועקגעבן דעם גאַנצן טאָג פאר יענעם. דער אויבערשטער בעט נישט אַלעמאָל דיין געלט, **ער בעט בלויז אַז דו זאָלסט האָבן דעם געפיל פון רחמנות און אינזין האָבן אַ צווייטן איד.** אפילו אויב דו האַלטסט אַז יענער איז נישט ווערד דיין רחמנות, אָבער 'מה הוא רחום אף אתה רחום'. **דאָס די בעסטע השתדלות וויאַזוי מ'איז מעורר די רחמנות פון דעם אויבערשטן אויף אונז**, אין צוגאָב צו דעם כח פון תפלה.

## אפשר בין איך נאָכנישט געגוג אַ רחמן?

אויב אַ מענטש באַמערקט אַז ער איז נאָכנישט געגוג אויסגעהאַלטן מיט דעם ענין פון רחמנות, **זאָל ער זיך טאַקע מאַכן אַ חשבון הנפש**, ווי די ברידער פון יוסף האָבן געזאָגט: 'אבל אשמים אנחנו אשר ראינו בצרת נפשו בהתחננו אלינו'. ווען זיי האָבן געזען אַז מ'שטראָפט זיי פון הימל, האָבן זיי זיך געמאַכט דעם חשבון: "פאַרוואָס האָבן מיר זיך נישט צוגעהערט צום געוויין פון אונזער ברודער?".

**חז"ל** זאָגן (ברכות ה, א): 'הרואה יסורים עליו יפשפש במעשיו'. דאָס באַדייט אַז מ'איז זיך אַזוי שטאַרק מתבונן, **ביז מ'קומט אָן צו אַזעלכע ווינקלעך וואָס מ'האָט נאָכנישט געטראַכט דערפון:** "איך וויל אַז דער רבוש"ע זאָל זיך מרחם זיין אויף מיר, אפשר האָב איך נישט געגוג רחמנות געהאַט אויף אַנדערע?".

ג

# בא זכר לעולם בא ככרו בידו; רחמנות אויף די קינדער, ברענגט רחמנות אויף די עלטערן

## פאַרוואָס קינדער דאַרפן אָנקומען צו זייערע עלטערן

דאָס נעמט אונז צוריק צו דער סוגיא וואָס מ'האָט דערמאַנט אין שיעור ע"ז, אַז דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט דעם סדר הבריאה אויף אַזאַ אופן אַז **קליינע קינדער זענען אָנגעוויזן אויף די רחמנות פון זייערע עלטערן**, ממש אויף טריט און שריט.

דעמאָלט האָט מען גערעדט אַז דאָס איז אַ תועלת פאַר'ן קינד, ער זאָל זיך אויסלערנען דעם באַגריף פון 'זיך פאַרלאָזן' אויף אַנדערע, כדי אַז ווען ער וועט עלטער ווערן זאָל ער קענען נוצן די זעלבע תכונה, זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן רבוש"ע.

אָבער אַצינד לערנט מען נאָך אַ חלק, אַז **דאָס איז אויך אַ תועלת פאר די עלטערן!** דער רבוש"ע האָט דירעקט אַזוי אויסגעשטעלט דעם סדר העולם, **כדי די עלטערן זאָלן זיך צוגעוואוינען צו געבן רחמים, און זיי זאָלן ווערן מענטשן מיט רחמנות!** די עלטערן דאַרפן זיך אַזויפיל אָפּגעבן מיט זייערע קינדער, ווייל דאָס מאַכט זיי פאר בעסערע מענטשן. דורכדעם ווערן זיי דבוק צו די מדה פון רבוש"ע, און אויטאָמאַטיש וועלן זיי באַקומען די רחמי ה'.

## רחמנות אויפ'ן ניי- געבוירן קינד איז מעורר רחמים

חז"ל זאָגן (נדה לא, ב): **בא זכר לעולם, בא ככרו בידו** - ווען אַ קינד ווערט געבוירן, ברענגט ער אַ פרישע שפע אין שטוב. געווענליך דערמאַנט מען דעם מאמר חז"ל זיך צו שטאַרקן אין בטחון: "זאָרג זיך נישט וויאַזוי דו וועסט קענען שפייזן אַסאַך קינדער בליעה"ר. דער רבוש"ע העלפט, יעדעס קינד קומט מיט אַ ברכה". די דערווייטערטע פון תורה ומצוות קענען דאָס נישט פאַרשטיין: "וואָס? אַ משפחה מיט זעכצן קינדער? וויאַזוי קענט איר דאָס מפרנס זיין?", אָבער מיר וויסן דעם אמת, אַז יעדעס קינד איז אַ ברכה, ווי מ'רופט עס טאַקע אָן: **אַ 'קינדער געבענטשטע' שטוב**. אַ משפחה מיט אַסאַך קינדער איז געבענטשט!

אָבער דאָ ליגט נאָך אַ טיפערע דערהער, לויט ווי דערמאַנט אַז **ווען אַ איד האָט אַסאַך קינדערלעך, דאַרף ער זיין אַ גרעסערער רחמן!** ער האָט פשוט נישט קיין ברירה, אַגאַנצן טאָג דאַרף ער זיין פאַרנומען צו געבן רחמנות פאר די קינדער, **אוודאי וועט זיין 'בא ככרו בידו'**, ווייל ווען דו האסט רחמנות, ביזטו דאך מעורר די רחמי שמים, און דאָס וועט משפיע זיין רחמים אָן קיין גבול!

## לעכטיגע אידישע נחת פון די אַנדערע קינדער

איבערהויפּט זעט מען דאָס בחוש ביי עלטערן וואָס דער רבוש"ע האָט זיי געשיקט דעם נסיון פון אַן אומגעזונט אָדער באַגרעניצט קינד ל"ע. איינס פון די שווערסטע חלקים פון דעם נסיון איז דער פאַקט אַז עס ענדיגט זיך נישט. עס איז נאָכאַנאַנד און עס קען געדויערן יאָרן יאָרן וואָס מען מוטשעט זיך ליידער. **אַזעלכע עלטערן קענען אָפּזיצן אין שפּיטאָל און נישט שלאָפן אין קיין בעט פאר לאַנגע חדשים.** אַמאָל קומט דאָס באַגלייט מיט בושה פון די אַרומיגע, אַמאָל איז דאָ טעכנישע שוועריגקייטן וואָס מ'קען זיך נישט קיין עצה געבן, אָבער די עלטערן געבן זיך ווייטער אָפּ מיט אַזאַ געטריישאַפט און ענדלאָזע רחמנות.

במציאות זעט מען גאָר אַסאַך מאָל אַז אַזעלכע משפחות האָבן אַן אויסטערלישע הצלחה און סייעתא דשמיא אין אַנדערע ענינים, בפרט מיט אידיש נחת ביי די אַנדערע קינדער. עלטערן וואָס נעמען אָן דעם נסיון ווי אַ מתנה און געבן זיך אָפּ מיט זייער קינד שפּירנדיג אַז דאָס איז אַ הימלישע שליחות, **האָבן אַ מורא'דיגע הצלחה און שטעלן אויף הערליכע שטיבער מיט זרע ברך ה'!**

## עלטערן פון באַגרעניצטע קינדער ווערן אַ צינור פון רחמים

מיר קוקן עס אָן אַז דער רבוש"ע שטראָפט נישט מיט אַלע שטעקענעס אויף אַמאָל. **פון איין זייט גיט ער טאַקע אַזאַ נסיון, אָבער פון דער אַנדערער זייט באַגלייט ער מיט אַ גרויסע סייעתא דשמיא.** דאָס איז זיכער אויך אמת. אָבער ס'איז אַסאַך פשוט'ער ווי דעם: **לויט דעם סדר הבריאה מוז זיין אַז אַזעלכע עלטערן זאָלן זען הצלחה אין אַנדערע ענינים.** עס קען דאָך נישט זיין אַנדערש!

ווייל ווען עלטערן האָט זיך מקריב געווען און זיך מוסר נפש געווען צו רחמנות האָבן אויף אַזאַ נשמה - איבערהויפּט אַז אָפּט זעט מען ניטאַמאָל קיין תועלת וואו מ'וועט אַמאָל אָנקומען, דאָס קינד איז דאך פּטור פון תורה ומצוות, און בדרך הטבע וועט ער קיינמאָל נישט ווערן אַנדערש - אָבער די עלטערן דאגה'ן פאר זיינע צרכים, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, **דאָס איז מעורר אַזאַ מורא'דיגע מדה פון רחמנות אין הימל!** די עלטערן ווערן פשוט אַ צינור פאר דעם אויבערשטנ'ס רחמנות אויפ'ן שטאַרקסטן פאַרנעם! אפילו אויב זיי מאַכן אַמאָל טעותים אין חינוך, אָבער דער רבוש"ע גיבט זיי רחמנות, און ער היט זיי אָפּ, ווייל זיי זענען געוואָרן אַ צינור פאר די רחמי ה'.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל, אַז **ווען אידן פירן זיך מיט רחמנות, באַקומען זיי רחמנות פון הימל.** די רחמנות פון עלטערן וואָס געבן זיך אַוועק פאר אַזאַ קינד מיט'ן גאַנצן וועזן, איז מעורר רחמנות אויף אידישע קינדער.

### יעדע סאָרט אָרימקייט - העלפט פאַר'ן נותן!

די נקודה שטייט אין דער **גמרא** (בבא בתרא יא, א) אַז טורנוסרופוס הרשע האָט געפרעגט פון רבי עקיבא: אויב דער אויבערשטער האָט ליב אָרימעלייט, פאַרוואָס שפּייזט ער זיי נישט? האָט רבי עקיבא געזאָגט: 'כדי שניצול אנו בהן מדינה של גיהנום'. **דורכדעם וואָס מיר געבן זיי רחמנות, וועלן מיר אַליין זוכה זיין צו רחמנות.**

דאָס זעלבע איז מיט אַלע סאָרט 'עניות' און צרות וואָס מענטשן גייען דורך. אַלעס האָט דעם זעלבן תכלית: **אַז מיר זאָלן רחמנות האָבן און דורכדעם זאָל נתעורר ווערן די רחמנות פונעם אויבערשטן.** אַמאָל דאַרף מען רחמנות האָבן אויף אַ קינד וואָס איז נישט געזונט און מ'דאַרף אים טראָגן צום דאָקטער; אַמאָל דאַרף מען רחמנות האָבן אויף איינעם וואָס האָט שווערע נאַטורן און מ'העלפט אים זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס; אַמאָל דאַרף מען רחמנות האָבן אויף אַ בחור וואָס טרעפט זיך נישט קיין פּלאַץ און מ'דאַרף אים מחזק זיין; אַמאָל דאַרף מען רחמנות האָבן אויף אַ פאַרביטערטער מענטש. א.א.וו. יעדעס מאָל וואָס אַ איד גיבט סיי וועלכע רחמנות פאר אַ צווייטן, איז ער זוכה אַז נישט בלויז איז 'מרחמין עליו מן השמים', נאָר **ער איז מזכה די וועלט**, ער ברענגט אַראָפּ רחמנות און ער איז מעורר רחמים אויף דער גאַנצער בריאה.

### די ריכטיגע השתדלות צו באַקומען רחמים

צום שלוס, אַ סך הכל אויף למעשה: מענטשן מיינען אַז אויב זיי וויל טון השתדלות פאר רחמנות, דאַרפן זיי גיין צו אַ צווייטן און אַראָפּלייגן אַלע צרות: "איך וועל וויינען, איך וועל קלאַפּן מיט די פיס, ביז יענער וועט רחמנות האָבן אויף מיר".

דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות. פּונקט ווי מיר ווייסן אַז **השתדלות לגבי פּרנסה, מיינט נאר: טון פּעולות פון 'ישוב העולם'**, ווייל דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן זיין 'נותנים' און נישט קיין 'מקבלים'. דאָס זעלבע איז מיט השתדלות לגבי רחמנות. די ריכטיגע השתדלות איז: **צו געבן רחמים פאר אַנדערע!** דאָס ברענגט אַרויס אונזער צלם אלקים, ווייל מ'טוט די זעלבע מדה ווי דער רבוש"ע. און דעמאָלט זאָגט דער אויבערשטער: "איך וועל דיר אויטאָמאַטיש געבן רחמנות, מיט אַלע באַדערפענישן וואָס דו דאַרפסט האָבן".

דער אמת איז, אַז **מ'קען אויף דעם אַליין מתפּלל זיין צום אויבערשטן.** אַזויווי אַ איד בעט אַז ער זאָל האָבן אמונה און בטחון, קען ער בעטן: **"רבוש"ע העלף מיר אַז כ'זאָל האָבן די ריכטיגע הרגשים פון רחמנות צו העלפן און זיך מרחם זיין אויף אַנדערע אידן"**. דעמאָלט וועט מען זען בחוש ווי ס'ווערט נתקיים דער 'כל המרחם על הבריות, מרחמים עליו מן השמים'.

# יראת ה' טהורה

## מה ה' אלקיך שואל כי אם ליראה;

די ריכטיגע תכלית פון מצבים וועלכע ערוועקן יראה

יום רביעי פרשת עקב, י"ט מנחם אב תשפ"ה

חלק ב'

א

## רוצה ה' את יראיו; יעדע פּחד האָט אַ ציל - דיר צו ברענגען נאָענטער צום רבוש"ע

### פון אַ יראה חיצונית צו אַ יראה פּנימיות

וויאַזוי קען מען טאַקע באַווייזן אַז פון אַ 'יראה חיצונית' - אַ גשמיות'דיגע יראה אַז מ'גייט פאַרלירן לעבן אָדער געלט - זאָל מען אָנקומען צו די אמת'ע 'יראה פּנימית' - צו מורא האָבן פונעם אויבערשטן?

האָט דער הייליגער **מגיד פון מעזריטש** זי"ע געזאָגט אויפ'ן פּסוק (תהלים קמז, י): **לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ לֹא בְשׁוֹקֵי הָאִישׁ יִרְצֶה. רוֹצֶה ה' אֶת יְרֵאָיו אֶת הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ.** - 'גבורת הסוס' מיינט די קלענסטע מדריגה פון אַ זאַך, ווייל דער פערד איז אַ 'טפל' פאַר'ן רייטער. אויך 'שוקי האיש' איז די קלענסטע מדריגה פונעם מענטש, די שוקיים זענען דאָך די פיס, וואָס איז די נידריגסטע אבר פונעם מענטש.

ווען דער אויבערשטער זעט אַז דו האסט אַ יראה, אָבער **ס'איז נאָר די קליינע מדריגה פון יראה, ווייל ס'איז געקומען צו דיר אויף אַן אופן פון 'יראה חיצונית'.** זאָגט דער אויבערשטער: 'לא בגבורת הסוס יחפץ, לא בשוקי האיש ירצה' - איך וויל נישט אַז דו זאָלסט האָבן יראה אויף אַ קליינע דרגא. נאר 'רוצה ה' את יראיו' - איך וויל אַז **דו זאָלסט האָבן די הויכע מדריגה פון יראה.** 'את המיחלים לחסדו' - כ'וויל אַז דו זאָלסט האָבן אַזאַ סאָרט יראה וואָס קומט צום אויסדרוק ווען דער מענטש זאָגט "איך האָף צו דיר, איך בעט פון דיר, ווייל פון דיר נעם איך מיין גאַנצע חיות".

### לאָמיר רעדן מיט'ן סופּערווייזער...

האָט דער מגיד געגעבן אַ משל נפלא דערויף: אַ שליח פונעם מלך קומט צום מענטש און זאָגט אַז דער מלך רופט אים. דער שליח איז געקומען מיט אַ שטאַרקע כעס און מיט אַ מורא'דיגן פּחד; ער איז געקליידעט מיט שרעקעדיגע קליידער, און דער מענטש ווערט זייער דערשראָקן פון דעם שליח. אָבער באמת דאַרף מען בכלל נישט מורא האָבן פון אים אַליין, ווייל **דער שליח האָט נישט קיין אייגענע יראה, נאר די יראה פון דעם מלכות איז אָנגעקליידעט אויף אים.** זיינע קליידער זענען נאר אַ סימן אויף דעם חותם המלכות וואָס ליגט אויף אים, אָבער ער אַליין איז גאָרנישט.

### ◄אותיות מחכימות►

ספה"ק מגיד דבריו ליעקב, מובא בספה"ק בעש"ט עה"ת פרשת עקב

וְזֶהוּ 'לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ', הוּא רֶמֶז לַמַּדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת, שֶׁהַסּוּס טְפֵלָה לְרוֹכֵב, וְהַמַּדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנִים הֵם טְפֵלִים הַיְנוּ שֶׁבָּא לוֹ פַּחַד מֵאֵיזֶה דָּבָר, זֶה מְעוֹרֵר לוֹ יִרְאָה, כִּי בָּאִים לוֹ אוֹתִיּוֹת מֵהַשְּׁבִירָה הַשַּׁיָּכִים לְיִרְאָה, 'וְלֹא בְּשׁוֹקֵי הָאִישׁ יִרְצֶה', שֶׁהַשּׁוֹקַיִם הֵם מַדְרֵגוֹת תַּחְתּוֹנוֹת, לֹא מִפְּנֵי שֶׁיִּפְחַד מִפְּנֵי זֶה שֶׁלַּח לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רַק 'רוֹצֶה ה' אֶת יְרֵאָיו הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ', לְהַעֲלוֹת הַיִּרְאָה, שֶׁמִּיִּרְאָה זוֹ בָּא לוֹ אַהֲבַת הַבּוֹרֵא.

וְנִמְשִׁיל מָשָׁל לְאִישׁ חַיִל שֶׁבָּא אֶל הָאָדָם לִקְרֹא אוֹתוֹ אֶל הַמֶּלֶךְ, וּבָא בְּכַעַס גָּדוֹל וּבְפַחַד, וּמְלֻבָּשׁ בִּגְדֵי אֵימָה וָפַחַד, וּבֶאֱמֶת אֵינוֹ כְּלוּם, כִּי אֵין לוֹ לָאָדָם לִירָא מִמֶּנּוּ כְּלָל רַק מִפְּנֵי שֶׁיִּרְאַת הַמַּלְכוּת מְלֻבָּשׁ בּוֹ, שֶׁבְּגָדָיו הוּא סִימָן שֶׁחוֹתָם הַמַּלְכוּת בּוֹ אֲבָל בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ כְּלוּם, וְאִם הָאָדָם הוּא חָכָם אֵינוֹ חָשׁ לְדַבֵּר עִמּוֹ, וְאֵינוֹ מִתְיָרֵא מִמֶּנּוּ מִפַּחְדּוֹ וּמֵאֵימָתוֹ, רַק תֵּכֶף הוּא מְמַהֵר לֵילֵךְ אֶל הַמֶּלֶךְ עַצְמוֹ, אוֹ לִפְעָמִים בָּא אִישׁ בִּתְנוּעַת אַהֲבָה, וּמִי שֶׁהוּא טִפֵּשׁ הוּא מִתְעַנֵּג וּמִשְׁתַּעֲשֵׁעַ עִם הַשָּׁלִיחַ, מֵחֲמַת שֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמֶּנּוּ דִּבְרֵי אַהֲבָה, אֲבָל מִי שֶׁהוּא חָכָם יוֹדֵעַ שֶׁעִקַּר הוּא רְצוֹן הַמֶּלֶךְ וְאַהֲבָתוֹ, וְאוֹמֵר מַה לִּי לְדַבֵּר וּלְהִתְעַנֵּג עִם שָׁלִיחַ הַזֶּה, אֵלֵךְ לְעִקָּר וְשֹׁרֶשׁ הַתַּעֲנוּג וְהָאַהֲבָה, וְהוֹלֵךְ אֶל הַמֶּלֶךְ וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ עַל הַשָּׁלִיחַ.

כָּךְ כָּל הַדְּבָרִים שֶׁבָּאִים, הֵן אַהֲבָה הֵן יִרְאָה, יֵלֵךְ לַמֶּלֶךְ שֶׁהוּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְיַעֲלֶה הַכֹּל לְמַעְלָה, הֵן אִם בָּא לוֹ אֵיזֶה יִרְאָה חִיצוֹנִית אוֹ הֶזֵּק ח"ו, אוֹ נִזְדַּמְּנָה לוֹ אֵיזֶה שִׂמְחָה וְתַעֲנוּג, הַכֹּל יַעֲלֶה לְמַעְלָה לְמֶלֶךְ עֶלְיוֹן, וְלֹא יַעֲשֶׂה כְּמוֹ הַשּׁוֹטֶה שֶׁהוּא מִתְעַנֵּג וּמִשְׁתַּעֲשֵׁעַ וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה וְשׁוֹהֶה עִם הַשָּׁלִיחַ, הַשָּׁלוּחַ לוֹ מֵאֵת הַמֶּלֶךְ, וּמֵחֲמַת זֶה הִסִּיחַ דַּעְתּוֹ וְשָׁכַח שֶׁשָּׁלַח הַמֶּלֶךְ לִקְרֹא לוֹ , וְאַף אִם אַחַר כָּךְ בּוֹא יָבֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ יִחַר בּוֹ אַף הַמֶּלֶךְ מְאוֹד, וְשִׂמְחָתוֹ נֶהְפַּךְ לוֹ לְתוּגָה, וְלֹא כֵן הֶחָכָם אֲשֶׁר עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, לֵאמֹר, מַה לִּי לְהַרְבּוֹת דְּבָרִים עִם הַשָּׁלִיחַ, טוֹב לִי לֵילֵךְ מִיָּד לְהַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ.

אויב דער מענטש איז אַ חכם זאָגט ער: „איך רעד נישט מיט דיר, **איך האָב נישט מורא פון דײַנע לבושים און פון דײַן פחד, איך וועל גיין רעדן מיט'ן מלך אַליין.**"

מיר האָבן דעם מציאות אַסאַך מאָל ווען אַן אַרבעטער אין אַ שטאָטישע אָפיס שרײַט און שטעלט אָן אַ בייזן פּנים. אַ חכם ווייסט אַז יענער אַליין האָט נישט קיין שום כח, יענער זאָגט נאָר איבער פון איינער וואָס איז העכער פון אים. דער חכם פרעגט גלײַך: **„וואו איז דער סופּערווייזער? איך קען רעדן מיט אים?"** - וואָס דאַרף איך האַנדלען סתם מיט אַ שליח וואָס ברענגט נאָר צעטלעך און זאָגט איבער וואָס מ'האָט אים געהייסן?

## נישט ווערן איבערגענומען פון דעם שליח...

דער מגיד גיט אויך אַ משל פון אהבה: אַמאָל איז דאָ אַ שליח וואָס קומט פונעם מלך מיט אַ תנועה פון אהבה. דער מלך האָט געזאָגט פאַר'ן שליח אַז ער זאָל שמייכלען און רעדן שיין. אויב איינער איז אַ טיפּש, איז ער זיך מתענג און משתעשע מיט'ן שליח, ווייל ער זעט ווי דער שליח רעדט אַזוי שיין און ער הערט פון אים דברי אהבה. אָבער ווער ס'איז אַ חכם ווייסט אַז דער עיקר איז דער רצון פונעם מלך, **ס'איז דער מלך וואָס האָט מיר ליב.** פאַרוואָס זאָל איך רעדן און זיך מתענג זײַן מיט'ן שליח? **לאָמיר גיין צום עיקר, צום שורש פון די תענוג און אהבה.**

דער חכם גייט גלײַך צום מלך און ער קוקט נישט אָן דעם שליח.

דער נמשל האָט געזאָגט דער הייליגער מגיד: דאָס זעלבע איז ביי אַלע סאָרט מצבים וואָס קומען אונטער פאַר'ן מענטש, סיי מצבים פון אהבה און סיי מצבים פון יראה, **זאָלסטו דערהערן אַז דער אויבערשטער רעדט יעצט צו דיר.** זיי נישט פאַרנומען מיט'ן שליח, גיי גלײַך צום אויבערשטן וואָס האָט דיר געשיקט דעם מצב!

## אַרויסגיין פון די דרויסנדיגע מצבים

ס'איז טאַקע נישט לײַכט צו מקיים זײַן די זאַך, **אָבער ווען מ'איז זוכה דערצו, איז עס אַזוי זיס!** זיי בכלל נישט פאַרנומען מיט'ן מצב! מעגליך אַז מ'דאַרף טאַקע טון אַ טרוקענע השתדלות. פיין, ערלעדיגט. אָבער בדרך כלל גייען מיר אַריין אינעם מצב מיט'ן גאַנצן ראשו ורובו, מען טונקט זיך און מען טובל'ט זיך דערינען...

אַ מענטש געפינט זיך אין אַ שווערע לאַגע און מ'זאָגט אים: „אפשר דאַוון עפּעס, דו וועסט זיך שפּירן בעסער. **אפשר שטיי אויף אין צייט, ס'וועט דיר פשוט זײַן געשמאַקער.** ס'איז אַ שאָד אַז דו ליגסט אַזוי אין בעט אַגאַנצן טאָג. אפשר גיי אַרויס אויף צוויי שעה"... אָבער יענער קוקט דיר אָן און זאָגט: „דו ווייסט וואָס איך מאַך יעצט מיט? דו האָסט אַ השגה אין וואָספאַראַ מצב איך בין? **וואָס רעדסטו צו מיר וועגן לערנען און דאַווענען און אויפשטיין?** דו האָסט קיינמאָל נישט געשפּירט אַזאַ צער!"

מ'ווייסט נישט וואָס איך צו ענטפערן, אָבער למעשה איז דאָ אַ מהלך וואָס קען אים העלפן סיי פּראַקטיש, סיי רוחניות'דיג און סיי באופן סגולי! דער בעש"ט הק' איז מסביר: **הייב אָן כאַפּן וואָס דאָ קומט פאָר.** ווען דער אויבערשטער האָט דיר געשיקט אַזאַ סאָרט מצב פון יראה, דאַרפסטו עס אָנקוקן אַז **דאָס איז בלויז אַ מעסעדזש וואָס דער רבוש"ע האָט דיר געשיקט**, ווייל ער וויל דיר אַרײַנברענגען צו דער אמת'ער יראה.

אפילו אַ איד וואָס זיצט חלילה אין שפּיטאָל מיט זײַן ווייב, און דער מצב איז זייער שרעקעדיג. ס'קען חלילה פּאַסירן אַ טראַגעדיע מיט אַ שטוב פון יתומים ה"י. **דער מענטש ווייסט נישט וואו זיך אַהינצוטון.** ער האָט אַ שרעקליכער פּחד וואָס גייט דאָ זײַן, ער האָט אַ לחץ פון דאָקטוירים, א.א.וו. ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַזאַ סאָרט מצב, איז עס באמת ביטער שווער צו האַלטן קאָפּ און האָבן אַביסל ישוב הדעת. אָבער סוף כל סוף, האָט אים דער אויבערשטער דאָ געשיקט אַ יראה, דאָס איז דאָך דער מציאות, און מ'דאַרף עס אָנקוקן אַז **דער רבוש"ע רעדט צו מיר דורך דעם רגש**, ווייל ער וויל זײַן נאָענט מיט מיר.

ב

# יראת ה' לחיים; ווען מ'גייט אַרויס פון יראה חיצוניות, הייבט מען אָן צו לעבן

## די עיקר שווערקייט איז דער פחד פונעם מצב

ס'איז וויכטיג צו דערהערן נאָך אַ טיפערע נקודה: ווען אַ מענטש גייט דורך אַ שווערן מצב, וועלכע חלק טוט אים די מערסטע וויי פונעם גאַנצן מצב? **די אינערליכע געפיל פון פחד וואָס ער שפּירט בשעת מעשה!** די אַרומיגע טעכנישע מציאות איז קיינמאָל נישט אַזוי שווער ווי די ביטערקייט, די לחץ, און די יראה וואָס מען שפּירט אין האַרץ. און אויב דאָס איז די שווערסטע חלק דעמאָלט **איז דאָס די נאָמען פון דער מעשה.** דו האָסט יעצט אַ יראה וואָס לאָזט דיר נישט קיין מנוחה.

מ'דאַרף דאָס גוט פאַרשטיין: די זאַך וואָס ברענגט די גרעסטע צער, איז 'דער אינערליכער רגש פון יראה'. דער מענטש רופט עס נישט 'יראה', נאָר ער רופט עס ענדערש 'לחץ' אָדער 'צעבראָכנקייט', אָבער למעשה האָט ער מורא אַז ער גייט פאַרלירן לעבן, כבוד, אָדער געלט. **אויב אַזוי, רוף עס בײַם נאָמען: „איך האָב יעצט אַ שווערקייט מיט יראה".**

געוועהנליך ווען איינער גייט דורך אַ צרה און אַ גוטער ידיד קומט אים פרעגן: „איך האָב געהערט אַז דו גייסט דורך אַ שווערן מצב. אויב כ'מעג פרעגן, איך וויל זיך נישט אַרײַנמישן, ס'איז אפשר פּריוואַט, אָבער אויב דו ווילסט קענסט זיך אויסרעדן צו מיר". וואָס רעדט מען זיך אויס? בעיקר פאַרציילט מען איבער די טעכנישע דעטאַלן פון דער צרה. אָבער אַ חכם פאַרשטייט אַז דער אַרומיגער לבוש איז נישט די עכטע מעשה! **די אַרומיגע דעטאַלן האָבן ערוועקט אַ טיפן געפיל פון יראה**, וואָס דאָס איז דער עיקר מעשה!

## די אינערליכע ווייטאָג פונעם בחור

שטעלט זיך פאָר אַז אַ בחור פאַרציילט אַז ער גייט יעצט דורך אַ 'משבר'. וואָס גייט פאָר? זײַן נאָענטער חבר האָט אים געשיקט אַ בריוו אַז „מײַן טאַטע לאָזט מיר שוין נישט רעדן מיט דיר. מיר דאַרפן זיך געזעגענען, מײַן טאַטע האָט מיר געזאָגט אַז דו ביזט נישט קיין גוטער חבר פאַר מיר".

דער בחור איז צעשאָסן און צעבראָכן. ער קען נישט קומען צו זיך. יעצט גייט ער זיך אויסרעדן צו אַ יונגערמאַן, און דער יונגערמאַן - וואָס איז אַ שטיקל מבין - פאַרשטייט אַז די ווייטאָג איז נישט יענער חבר. **די עכטע ווייטאָג איז וואָס דער בחור שפּירט נאָכדעם וואָס ער באַקומט אַזאַ בריוו.** ער שפּירט זיך ווי אַ גאַרנישט. זײַן אייגענע ווערד איז אַראָפּגעגאַנגען פון הונדערטער צו זעראָ. „מען האָט מיר אָוועקגעוואָרפן, מ'האָט מיר אויסגעשפּיגן, מ'איז מיר סתם חושד"... **ס'פעלט אים יעצט אהבה און שעצונג.** די אהבה פון זײַן חבר האָט אים געגעבן אַ געפיל אַז איינער האַלט פון אים, און יעצט האָט ער עס פאַרלוירן.

דאָס זעלבע ווען ס'איז דאָ אַ קינד וואָס איז נישט מצליח אין קלאַס צווישן די חברים. ס'איז נישט קיין חילוק וואָס עס זענען די אַרומיגע מצבים. **דער נאָמען פון די מעשה איז: וואָס טוט זיך אינעווייניג?** אינערליך שפּירט ער אַ בדידות! ער איז אַליין אַליין, זײַן גאַנצע ווערד איז אים צשאסן און צעבראָכן.

## אַ טעימה פון דעם 'יראה' געפיל

אויב אַזוי, אַז די אמת'ע ווייטאָג איז בעצם דער געפיל וואָס דו שפּירסט פון דער צרה, דעמאָלט זאָלסטו דערהערן אַז דער אויבערשטער האָט דיר געשיקט דעם מצב **בלויז צוליב דעם הרגש וואָס ליגט אונטער דעם!** די דרויסנדיגע לבוש איז נישט אַזוי שרעקעדיג, די עיקר צרה איז די אינערליכע רגש. דאָס איז דער אמת'ער נאָמען און דער שפּיץ פון דער גאַנצער מעשה.

אַלזאָ מאַך דעם חשבון, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער מיר געגעבן דעם רגש? **אָה, ווייל דער אויבערשטער האָט מיר ליב, און ער וויל אַז כ'זאָל דאָס קענען נוצן אַלץ אַ טרעפּעלע אָנצוקומען צו אַ וואַרימער רגש פון עכטע יראה,** דעריבער האָט ער מיר געגעבן צו טועם זײַן פון דעם געפיל פון יראה.

אַזוויי ס'איז דאָ געשעפטן פון ווייַן אָדער פון אַנדערע מאכלים, וואָס געבן די אָפּציע אַז מ'קען אַרײַנקומען און טועם זײַן אַביסל אומזינסט, אַז נאָכדעם זאָל מען אײַנקויפן. **דאָס זעלבע האָט דער אויבערשטער דיר געגעבן אַ קליינע טעימה פון יראה**, אַז נאָכדעם זאָלסטו קענען באַקומען די ריכטיגע יראה פּנימיות.

### נישט אזא געשמאַקע טעימה...

דער חילוק איז נאָר, אַז געווענליך ווען מ'גיט אַ טעימה פון אַ גוטע זאַך, איז די טעימה אַליין אויך געשמאַק, אָבער **דאָ איז די טעימה - אַן אומגעשמאַקע געפיל פון יראה.** די סיבה דערצו איז זייער פשוט: אויב דער אויבערשטער וואָלט אונז געגעבן צו קאָסטן דעם זיסן טעם פון 'נועם יראתך', **וואָלט יעדער גלייך געלאָפן עס כאַפן**, ווילנדיג האָבן מער דערפון. עס וואָלט נישט געווען קיין שום בחירה און קיין שום נסיון, ווי מיר בעטן זיך: 'משכינו אחריך נרוצה'. מיר זענען מתפלל אַז דער רבוש"ע זאָל אונז געבן צו טועם זיין פון דער אמת'ער זיסער יראה.

דערפאַר שיקט דער אויבערשטער אַ יראה חיצונית. אָבער דער מענטש דאַרף פאַרשטיין: וואָס איז דער רגש וואָס איך שפיר יעצט? ס'איז אַ יראה פון פאַרלירן עושר, כבוד אָדער חיים. פאַרוואָס האָב איך אַזוי מורא צו פאַרלירן די אַלע זאַכן? **ווייל כ'בין נישט גענוג אָנגעהאָנגען אויפ'ן רבוש"ע, דעריבער בין איך אָנגעהאָנגען אין עפּעס וואָס איז אַ 'תולדה שבתולדה' פון די אמת'ע זאַך.** איך האָב מורא אַז אויב כ'וועל נישט האָבן די זאַך, וועל איך גאָרנישט האָבן. אָבער דער אמת איז, אַז אויב כ'וועל זיין נאָנטער צום רבוש"ע, וועט מען קיינמאָל נישט קענען עפּעס צונעמען פון מיר!

ווען מען טראַכט אויף אַזאַ אופן, **ברענגט די 'יראה חיצונית' צו 'יראה פנימיות'.** אָבער כדי אָנצוקומען דערצו, דאַרף מען נוצן די מחשבה אינעם גוטן ריכטונג.

### פון אַ לעבן פון שקר צו אַ לעבן פון אמת

אַ גוטער ביישפּיל דערצו איז, אַ מענטש וואָס האָט גע'גנב'ט געלט, און ער האָט אַ 'פּחד מות' אַז מ'גייט אים כאַפּן. אָדער איינער וואָס האָט געזאָגט ליגנט און ער האָט מורא און איז אומרואיג אַז איינער גייט זיך דערוויסן דערפון. דאָס שפּיגלט אָפּ דעם מציאות אַז ווען אַ מענטש **לעבט אין אַ שקר, לעבט ער שטענדיג אין שאָטן פון אומריכטיגע יראות,** וואָס מאַכט אים זייער אומבאַקוועם.

אַ מענטש וואָס זאָגט ליגנט על גבי ליגנט צו פאַרענטפערן די פריערדיגע ליגנט. צי ווייל ער טוט אָפּ גניבות, צי ווייל ער נאַרט אָפּ מענטשן, **אַזאַ איינער לעבט מיט יראות חיצוניות,** ווייל ער ווייסט

> **די אַלע וואָס האָבן אַזוי געטון, האָבן ביז אַ וואָך אַנגעהויבן צוריק צו לעבן!**

אַז יעדע מינוט קען איינער דערציילן זיינע מעשים. **אָבער ווען אַ מענטש לעבט מיט'ן אמת, ווערן די אַלע יראות בטל.**

קומט אויס אַז די סיבה פאַרוואָס דו האסט אַזאַ יראה חיצוניות איז **ווייל דו לעבסט אין אַ שקר.** ווען דו וועסט לעבן מיט'ן אמת, וועט די יראה זיין אַ יראה פנימיות: "איך האָב נאָר מורא פונעם אויבערשטן און קיינער קען מיר גאָרנישט צונעמען". דאָס איז די סיבה פאַרוואָס דער רבוש"ע שיקט אַמאָל אַ יראה חיצוניות, ווייל ער וויל דיר ווייזן די אומבאַ'טעמ'קייט פון דעם סאָרט לעבן וואָס דו לעבסט יעצט.

### די יראה ווען מ'דריידט מיט שקרים

אַ דוגמא פון **יראה וואָס קומט פון שקר** איז ווען אַ מענטש איז פאַרזינקען אין חובות אויף אַ גאָר שווערן פאַרנעם. ער איז שולדיג פאר דער גאַנצער שטאט; אויך פאר זיינע שוואָגערס, אויך פאר זיין שווער, און אויך פאר זיין טאַטע וואָס ליידט אויפ'ן האַרץ. ער האָט נישט דערציילט פאַר זיין פאָטער אַז די מאָרגעדזש וואָס ער האָט אַרויסגענומען אויף זיין טאַטנ'ס דירה מיט דער הבטחה אַז "ס'איז נאָר אויף אַ קורצע צייט, ווייל אין אַ חודש אַרום גייט אַריינקומען דאָס געלט", איז אַלץ געווען שקר וכזב. ער צאָלט נישט די מאָרגעדזש און מ'גייט אין אַ שיינעם טאָג צונעמען די דירה...

דער מענטש דרייט אָבער ווייטער דעם רעדל, ער זאָגט נאָכאַמאָל דעם ליגנט אַז "איך דאַרף נאר אַ קורצע הלוואה ביזן קומענדיגן ערשטן, דעמאָלט גייט מיר אַריינקומען געלט", בשעת ער ווייסט אַז ס'איז נישטאָ קיין ערשטער און ס'איז נישטאָ קיין דרייסיגסטער, ס'איז גאָרנישט דאָ... ס'איז אַלעס איין גרויסע ליגנט. פאר יעדן וואָס רופט אים בעטן געלט ענטפערט ער: "היינט דאַרף אַריינצוקומען דאָס געלט, לאָמיר זען וויאַזוי דער טאָג וועט גיין"... ער לעבט אַזוי אַז פּופּציג מאָל אַ טאָג זאָגט ער ליגנט כדי צו ראַטעווען דעם מצב. ווייל: "וואָס דען זאָל איך טון?" - **אָט די זאַך איז ממש אַ טעם המוות פון יראה!** ס'איז די לעצטע דרגה פון יראה.

### אַ נייע לעבן ווען מ'גייט אַרויס פונעם שקרים ראָד

ווען ענדיגט זיך די יראה חיצוניות? **ווען דער מענטש כאַפּט דעם מצב און ער נעמט זיך די שטאַרקייט אָנצורופן אַלע זיינע בעלי חובות,** און ער איז זיי קלאָר מודיע: "איך האָב נישט קיין געלט דיר צו צאָלן. איך שעם זיך זייער שטאַרק, ס'טוט מיר מורא'דיג וויי, אָבער איך האָב נישט. איך האָב געזאָגט ליגנט, איך האָב אַרומגעשפּילט אָבער איך האָב גאָרנישט. אויך מאָרגן גיי איך נישט האָבן. דער אויבערשטער וועט העלפן, איך האָף. אָבער יעצט אויף דער מינוט האָב איך עטליכע מיליאָן דאָלער חובות, איך קען יעצט קיינעם נישט צוריקצאָלן גאָרנישט."

די יראה ענדיגט זיך אויב דער מענטש טוט עס אויפ'ן ריכטיגן וועג. דהיינו, **מיט הכנעה, מיט'ן אויבערשטן, מיט אַ תפלה איידער ער רופט אַן מענטשן, און מיט אַ קבלת יסורים.** אפילו ווען יענער שרייט און סטראַשעט, חזר'ט ער זיך: "רבוש"ע, ס'קומט זיך מיר". אָבער ער האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם אמת!

דאָס קומענדיגע מאָל וואָס ער דאַרף געלט, באָרגט ער נישט. נאָר ער בעט צדקה. אויב איך האָב נישט פון וואו צוריקצוצאָלן טאָר איך נישט באָרגן. אָבער איך דאַרף ברויט? נו, וועל איך גיין נאָך געלט. אָבער ס'איז דאך בושות? בסדר, איך וועל איך נעמען די בושה, אָבער איך גיי מיט'ן אמת! **די אַלע וואָס האָבן אַזוי געטון, האָבן ביז אַ וואָך אָנגעהויבן צוריק צו לעבן!** צומאָל נעמט עס עטליכע וואָכן, אָבער זיי האָבן צוריקבאַקומען זייער לעבן, אפילו אָן קיין געלט. זיי הייבן אָן צוריק זיין אַ טאַטע פאר זייערע קינדער. מענטשן הייבן אָן רחמנות האָבן אויף זיי.

ג

## משוך נועם יראתך; דער וועג אָנצוקומען צו ריינע יראת ה'

### זיך טרעפן מיט'ן רבוש"ע

אפילו פּראַקטיש גערעדט: **ווילאַנג מ'לעבט מיט'ן יראה פון שקר, שפּירט מען אַ 'טעם מות' כפשוטו** וואָס מ'קען נישט מסביר זיין. אָבער אין דער מינוט וואָס מ'איז מחליט אַז "איך גיי אויפהערן זאָגן ליגנט, איך גיי זאָגן דעם גאַנצן אמת", האָט מען שוין נישט קיין יראה אַז מענטשן וועלן וויסן. ס'איז מער נישטאָ די יראה חיצוניות.

יעצט בלייבט נאר איבער די חששות: "איך דאַרף דאך האָבן פון וואו צו לעבן. יעדער קוקט מיר אָן ווי אַ שווינדלער, איך שעם זיך צו גיין אין שול, איך שעם זיך צו ווייזן מיין פּנים, איך קען נישט טון קיין שידוכים". וואָס טוט אַ קלוגער איד דערצו? ער נעמט אַ תהלים'ל און ער פאַרדעקט זיך דעם פּנים און ער זאָגט: "רבוש"ע, איך ווייס אַז דו האסט גערעדט צו מיר, איך ווייס אַז כ'בין אָנגעקומען צו דעם מצב צוליב יענע און יענע עבירה, אָבער **איך ווייס אַז דו ווילסט מיר העלפן.** דו האסט מיר געברענגט צו דעם פּלאַץ אַז כ'זאָל מער נישט קענען זאָגן קיין ליגנט, ווייל דו ווילסט מיר העלפן, און דו קענסט מיר העלפן!".

דאָס איז אַ ביישפּיל **וויאַזוי יראה חיצוניות ברענגט צוביסלעך צו יראה פנימיות.** דער מענטש גייט צוריק צום רבוש"ע און ער זאָגט: "איך האָב נישט מורא פון דעם אַרום און אַרום, איך האָב מורא נאר פון דיר".

### אַרויסגיין פון די נאַרישע יראות

דאס פּאַסירט יעדעס מאָל ווען דער מענטש גייט אַריבער פון דעם שטאַפּל וואָס **'ער וויל זיך**

**נישט העלפן**', צו דעם שטאַפּל וואָס **'ער וויל זיך יאָ העלפן'.**

למשל איינער וואָס האָט אַ שווערן יצר הרע און ער וויל קיינעם נישט דערציילן און ער וויל זיך נישט העלפן. אָדער איינער וואָס איז גוט פאַרפּלאָנטערט מיט גרויסע ווייטאָגן, אָבער ער איז פאַרנומען צו באַשולדיגן אַנדערע אָדער זיך אַליין און ער וויל נישט נעמען קיין הילף. **ווילאַנג ער וויל זיך נישט לאָזן העלפן, לעבט ער אין אַ שקר:** "איך קען זיך אליינס אַן עצה געבן"... פאַרוואָס? **ווייל ער האָט אַ יראה חיצוניות**, ער האָט מורא פון דער בושה.

אָבער דער אמת'ער צוגאַנג דאַרף זיין: **אויב דער אויבערשטער האָט דיר געשיקט אַ יראה, זיי לוחם מיט די קליינע מדריגה פון יראה וואו דו געפינסט זיך.** אויב דו האסט מורא אַז דו גייסט פאַרלירן כבוד, טו עס בידים! נעם דעם באַלאָן פון כבוד און צעפּלאַץ עס! גיי און פאַרצייל עס! טו די זאַך וואָס דו האסט אַזוי שטאַרק מורא דערפון. **דעמאָלט, ווען דו וועסט מער נישט האָבן קיין יראה חיצונית. וועסטו צוריקגיין צו יראה פנימיות:** "איך האב שוין קיינעם נישט אויף ווער׳מען זיך צו אָנהענגען. איך רעד מיט'ן רבוש"ע אַליין". דאָס וועט דיר ברענגען אַזאַ קרבת אלקים און די שפע וועט אָנהויבן קומען.

די אַלע אידן וואָס האָבן דאָס געטון, האָבן שפּעטער באַקומען אַ געוואַלדיגע שפע און אַ לעזונג פאר זייערע שוועריגקייטן. **ווייל אַנשטאָט בלייבן זיצן אין דער יראה חיצונית, זענען זיי געגאַנגען צום רבוש"ע.** זיי האָבן גענומען די יראה אַלץ אַ סימן אַז "איך דאַרף ווערן נאָנטער צום אויבערשטן".

## די אומריכטיגע יראה ווייזט וואו מ'דאַרף יאָ גיין

מיט די אויבנדערמאַנטע ביישפּילן פאַרשטייט מען די אויבנדערמאַנטע שאלה: **פאַרוואָס שיקט דער רבוש"ע די טעימה פון יראה אויף אַן אומגעשמאַקן אופן?** אויב ער וויל שיקן 'יראה', פאַרוואָס שיקט ער נישט דעם ריכטיגן 'נועם יראתך'?!

די תשובה איז: דער רבוש"ע שיקט דיר אַ שפּיגעלע פון די יראה חיצוניות וואו דו לעבסט, **כדי דיר צו ווייזן ווי אומגעשמאַק דאָס איז.** אַזוי וועסטו עס איבערלאָזן און לויפן צום רבוש"ע; דו וועסט חרטה האָבן אויף די מהלכים וואָס דו האסט גענוצט ביז יעצט, און דעמאָלט וועסטו ווערן אַזוי נאָנט צום אויבערשטן.

דער רבוש"ע העלפט, כי ימינו פשוטה לקבל שבים. **ווי נידריג און ווי פאַרפּלאָנטערט דו ביזט נאר, קען מען נישט משיג זיין די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו דיר.** אָבער דו מוזט קומען! דו קענסט נישט בלייבן לעבן מיט'ן זעלבן שקר און יראה חיצוניות. דו דאַרפסט זיך מתגבר זיין, און ווען אַ איד איז 'בא ליטהר', דעמאָלט וועט זיכער אָנקומען די הבטחה פון 'מסייעין אותו'.

המשך מעמוד ח'

# נקודה למחשבה

שפּירן דעם 'בנים אתם לה' אלקיכם', און דאָס וועט שפּעטער איבערלאָזן אַ מורא'דיגע השפעה אויפ'ן מענטש לגבי אַלע אַנדערע אַספּעקטן און נסיונות פון זיין לעבן.

## זיך אָנגרייטן פון פאָראויס מיט געפילן פון נאָנטקייט

די תורה הק' שרייבט דעם פסוק 'בנים אתם' לגבי אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין זייער אַ שווערן מצב, ער האָט ל"ע אַ נפטר און שטוב און ס'איז זייער ביטער. יעצט פאָדערט זיך פון אים די מערסטע אַז ער זאָל שפּירן דעם 'בנים אתם', אָבער **ווען ער וואָלט אינוועסטירט צו קונה זיין דעם געפיל דורך 'עשה טוב', וואָלט עס אים געווען אַסאַך גרינגער צו שפּירן שפּעטער**, ווען ער דאַרף עס אַזוי וויכטיג האָבן בעת צרה. ווען מען געפינט זיך שוין אין די שוועריגקייט, איז אַסאַך שווערער צו אָנהויבן יעצט אַרבעטן אויף דער הרגשה פון 'בנים אתם'.

מען דאַרף קונה זיין די הרגשה בשעת מען רעדט צום אויבערשטן מיט תפלה און מיט ברכות, **דעמאָלט איז מען זוכה אַז דער אויבערשטער איז זיך צוריק מגלה צו אים און מען שפּירט זיין אהבה.** שפּעטער ווען דער איד טרעפט זיך אין אַ טונקלקייט, זאָגט ער: "דער זעלבער רבוש"ע וואָס איך האָב פריער גערעדט מיט אים, און כ'האָב שוין געשפּירט דעם 'בנים אתם', **ער איז יעצט אויך דאָ מיט מיר!** ער זעט מיר! ער פאַרשטייט מיר אין דעם פרשה וואָס איך גיי אַריבער".

## די בעסטע הקדמה אויף חודש אלול

מען ליינט דעם פסוק פון 'בנים אתם לה' אלקיכם' אום שבת מברכים חודש אלול, ווייל **דער פסוק איז אַ געוואַלדיגע הקדמה ווען מ'גייט אַריין אין אַזאַ לעכטיגן חודש וואָס איז פול מיט אהבה**, ווען דער רבוש"ע וויל העלפן יעדן איד.

בעפאָר ס'קומט אַריין חודש אלול איז דער רבוש"ע מודיע אַז **יעצט קען מען אָננעמען סיי וועמען!** אָפּגעזען אין וועלכע מצב מ'איז, אָפּגעזען וועלכע עבירות מ'האָט געטון, ס'איז בכלל נישט קיין חילוק! ס'קומט יעצט פאר אַ גרויסער סעיל. **דער רבוש"ע וויל זיך באַקענען מיט דיר, ער וויל דיר העלפן**, און ער וויל רחמנות האָבן אויף דיר!

## וויפיל קראַנקער, אַלץ אַ גרעסערע השראת השכינה

דער הייליגער **מהר"ל** (נצח ישראל פרק יא) זאָגט צוויי טעמים פאַרוואָס די שכינה רועט ביים קאָפּ פון אַ חולה. ערשטנס, ווייל דער חולה איז בענווה, דעריבער קען דער אויבערשטער רוען ביי אים. און צווייטנס, ווייל **דער רבוש"ע געפינט זיך ביי מענטשן וואָס דאַרפן אים האָבן דאָס וויכטיגסטע.** ווען איינער איז אַ חולה מסוכן, דאַרף ער דאָך צוקומען צום אויבערשטן אַסאַך מער, דעריבער קומט טאַקע דער אויבערשטער צו זיין נאָנט מיט אים.

לב יודע מרת נפשו, יעדער איינער ווייסט וויפיל מ'האָט אַלץ געזינדיגט, וויפיל מ'האָט אַלץ זיך פאַרבלאָנדזשעט, מיר זענען דאָך נישט אַנדערש ווי אַ חולה מסוכן. מ'דאַרף אַזאַ מין ישועה, מ'דאַרף זיך מסדר זיין און צוריקגיין אויפ'ן גלייכן וועג, מען איז אמת'דיג קראַנק. אָבער **דער רבוש"ע קומט דוקא צו אַזעלכע סאָרט מענטשן אין אַזעלכע סאָרט מצבים!** פאַרוואָס? ווייל דער אויבערשטער איז דער מקור פון רחמנות. דער רבוש"ע זאָגט: **"מיין קינד איז נעבעך אַזוי פאַרשמירט געוואָרן. קום, איך וויל דיר העלפן".**

## געדענקן השי"ת דורך רעדן צו אים

דאָס עצם רעדן מיט'ן רבוש"ע העלפט זייער שטאַרק אַז דער מענטש זאל צוביסלעך באַקומען די הבנה אַז דער רבוש"ע וויל אים האָבן. חודש אלול זאָגט מען טאַקע אַסאַך תהלים, מ'זאָגט לדוד ה' אורי וישעי. **ס'איז אַ זמן ווען מ'איז מער אָפן מיט'ן רבוש"ע.**

איינע פון די כללים פון אַ גוטן קשר מיט אן אַנדערן מענטש איז, **אַז מ'פאַרגעסט נישט פון יענעם.** אויב איינער איז אַוועקגעפאָרן צו אַ ווייטע נסיעה און ס'איז דורכגעגאַנגען עטליכע טעג וואָס ער האָט פאַרגעסן צו אַהיימרופן: "אוי, איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, לאָמיר יעצט אַהיימרופן, וואָס הערט זיך דאָרט אין שטוב?"... וועט ער באַקומען דעם ענטפער אַז "יעצט איז עס שוין נישט נוגע... **אויב דו האסט פאַרגעסן צו רעדן מיט מיר עטליכע טעג, איז עס אַ סימן אַז איך בין נישט קיין חלק פון דיין לעבן.** כ'בין נאר אַ טרדה וואָס מ'דאַרף מטפל זיין דערמיט"...

ווען אַ מענטש האָט אַן אמת'ן קשר טראַכט ער פון יענעם אַ גאַנצן צייט. מ'זעט עס אַסאַך מאָל ביי מענטשן וואָס זיי האָבן אַ פאַרהייראַט קינד אין אויסלאַנד. זיי טראַכטן שטענדיג: "וויפיל אַזייגער איז יעצט דאָרט? אָה, יעצט האַלט ער אינמיטן די סעודה פון פרייטאָג צונאַכטס"... ער האַלט מיט זיין קינד'ס סדר היום, ווייל ער האָט אַ נפשיות'דיגן קשר מיט אים.

דאָס זעלבע ווען אַ מענטש האָט אַ קשר מיט'ן רבוש"ע, האַלט ער אין איין רעדן דיבורים: "רבוש"ע, וואַרף מיר נישט אַוועק, העלף אַז כ'זאָל צוריקקומען צום ריכטיגן וועג, איך ווייס נישט וויאַזוי". **זיי אָפן מיט'ן אויבערשטן!** ווי די גמרא זאָגט (ברכות כא, א): 'אמר רבי יוחנן, ולואי שיתפלל אדם כל היום כולו'. **אַזוי בויעט זיך אַ קשר**, ווען אויף יעדע זאַך איז מען מתפלל, מען דאַנקט, און מ'רעדט מיט'ן רבוש"ע.

## חודש אלול - אַ חודש פון אהבת ה'

ווילאַנג אַ איד רעדט נישט אָפן מיט'ן אויבערשטן, שפּירט ער נישט דעם נאָנטקייט פון 'בנים אתם'. ער פאַרגעסט פון די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אים. **ס'איז אַזאַ שאָד, ווייל ס'איז דאָך אַלעמאָל דאָ די אהבה פון 'בנים אתם לה' אלקיכם'**, נאר דו שפּירסט עס נישט, און שפּעטער ווען מ'טרעפט זיך חלילה אין אַן עת צרה איז עס נאָך שווערער.

ווען מ'גייט אַריין אין אַ חודש פון אַזויפיל אהבה קען מען דאָס גוט אויסנוצן דורך **אַסאַך רעדן** מיט'ן רבוש"ע, **זאָגן תהלים** מיט טייטש, מער **אינזין האָבן די ברכות**, און מער **אינזין האָבן די תפלות.** דאָס העלפט צו קענען שפּירן די אהבה פון 'בנים אתם', און **ווען מ'שפּירט די אהבה גייען זאַכן אַסאַך לייכטער.** ס'טוט זיך אַסאַך ווייניגער עבירות, און ס'טוט זיך תשובה אַסאַך גרינגער!

## נקודה במחשבה

# בנים אתם לה׳ - אַ קשר פון אַ טאַטע מיט אַ קינד

## מתוך שיעור ליל שישי ראה תשפ״ד לפ״ק

### ס׳איז דאָ אַלע ערליי אופנים פון שייכות

אין פרשת ראה זאָגט דער אויבערשטער פאַר אידישע קינדער: **בנים אתם לה׳ אלקיכם!** דער פסוק רעדט לגבי אַ נפטר, אָבער דער כלל איז אַלעמאָל אמת. אין יעדן מצב שרייט זיך אַרויס דער ׳בנים אתם לה׳ אלקיכם׳.

דער רבוש״ע האָט אויסגעשטעלט די וועלט אַז ס׳איז פאַראַן אַלע ערליי אופנים פון קשר און שייכות צווישן מענטשן. ס׳איז דאָ אַ קשר צווישן אַ **טאַטע מיט אַ קינד**, אַ קשר צווישן **אַ רב מיט אַ תלמיד**, אַ קשר צווישן **איש ואשתו**, אַ קשר פון אַ **באַלעבאָס מיט זיין אַרבעטער**, אַ קשר צווישן **שכינים**, אַ קשר צווישן **צוויי נאָענטע חברים**. א.א.וו.

יעדע אופן פון שייכות און קרבה האָט זיך **זיינע כללים וויאַזוי עס אַרבעט**, און ביי יעדן פאַל איז דאָ אַן אַנדערע וועג וויאַזוי מ׳איז יענעם מכבד. לא הרי זה כהרי זה. מ׳איז מכבד אַ רב אויף איין אופן, מ׳איז מכבד אַ חבר אויף אַ צווייטן אופן, אַ תלמיד אויף אַ דריטן אופן, און המכבד את אשתו איז אויף אַ פערטן אופן. א.א.וו.

אויב איינער וועט מכבד זיין דעם חבר דורך זיך אויפשטעלן יעדעס מאָל ווען יענער קומט אַריין, וועט אים דער חבר זאָגן: **״טו מיר אַ טובה, הער אויף זיך אויפשטעלן, דו מאַכסט סתם ליצנות פון מיר״...** דו ווילסט מכבד זיין אַ חבר? הער אויס זיין דעה, רעכן זיך מיט זיין צוגאַנג, זיי זיך מתייחס צו אים ווי אַ בר דעת. ווידעראום ווען אַ תלמיד וויל מכבד זיין דעם רב, שטעלט ער זיך אויף פאַר אים מלוא קומתו. און ווען מ׳איז אַ ׳מכבד את אשתו׳ איז דאָס דורכ׳ן צושטעלן אירע צרכים און זיך רעכנען מיט אירע דעות. **יעדע שייכות האָט זיך זיינע כללים פון נאָענטקייט** און וויאַזוי מען באַציעט זיך צו יענעם.

### אַ שאָד אַז מ׳שפירט נישט דעם ׳בנים אתם׳...

אַ איד׳ס שייכות מיט׳ן רבוש״ע, **איז אַ קרבה פון ׳בנים אתם לה׳ אלקיכם׳!** ס׳איז דאָ צווישן אונז אַן אמת׳ע אהבה, ממש ווי אַ טאַטע וואָס האָט אַ מורא׳דיגן רצון אַז דער קינד זאל מצליח זיין. און אפילו ווען דער טאַטע גיבט אן עונש פאַר׳ן קינד, איז עס ווי ס׳שטייט אין פסוק (דברים ח, ה) **׳כי כאשר ייסר איש את בנו כן ה׳ אלקיך מיסרך׳**, ווי דער **אור החיים הק׳** זאָגט פשט אַז פאַר אַ פרעמדן מענטש גייט נישט אן אויב יענעמ׳ס קינד טוט אַן עוולה, אָבער ווען אַ טאַטע האָט אַ בן יחיד וואָס באַגייט אן עבירה, איז ער מעניש דאָס קינד, **טאַקע וויבאַלד ס׳איז דאָ אַזאַ שטאַרקע ליבשאַפט!**

ווען א איד וואָלט אַלעמאָל געשפירט אָט דעם געפיל אַז ער איז אַ באַליבט קינד צום טאַטן אין הימל, **וואָלט ער אַזויפיל ווייניגער געזינדיגט, און ער וואָלט זיך געקומען איבערבעטן.** דער פראָבלעם איז, אַז מיר שפירן נישט גענוג דעם ׳בנים אתם לה׳ אלקיכם׳. דער רבוש״ע האָט צו אונז אַזאַ אויסטערלישע נאָנטשאַפט אָבער **דער איד דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט און ער שפירט נישט די נאָענטקייט.**

אפילו היימישע אידן וואָס טוען אַלעס וואָס מ׳דאַרף, מען ווייסט פונעם אויבערשטן, מען דאַוונט צום אויבערשטן, **אָבער מען שפירט נישט דעם סאָרט געפיל פון ׳בנים אתם לה׳ אלקיכם׳.** ער זאָגט טאַקע ׳אבינו מלכינו׳, ער זאָגט ׳אבינו אב הרחמן המרחם רחם עליו׳, אָבער ער דרייט זיך נישט אַרום מיט׳ן הרגש אַז דער אויבערשטער באַטראַכט אים ווי אַ טאַטע קוקט אויף זיין בן יחיד!

(בדרך אגב, צומאָל קומט דאָס ליידער ווייל דער מענטש קען אויך נישט דעם **חלק המשל**. ער האָט בכלל נישט דעם מושג וואָס מיינט אַ ריכטיגער שייכות צווישן אַ טאַטע מיט אַ קינד. ס׳איז נעבעך נישטאָ די קירבה, דעריבער קען ער אויך נישט האָבן די געפילן כלפי דעם רבוש״ע, ווייל ער ווייסט נישט וואָס דאָס איז בכלל. אָבער דעם חלק המשל קען מען אויך מסדר זיין, דאָס איז אויך אַ טייל פון דער אַרבעט, ואכמ״ל).

### זיך באַקענען כביכול מיט׳ן אויבערשטן

וויאַזוי קען אַ מענטש טאַקע יאָ באַקומען דעם געפיל פון שפירן די אהבה בין ישראל לאביהם שבשמים? אויף דעם איז דאָ זייער אַ פראַקטישע מהלך: דער שטייגער איז אַלעמאָל צווישן צוויי מענטשן, אַז ווען איינער איז ווייט פון אַ צווייטן, קען ער אים נישט. אָבער **ווען מ׳איז נאָענט צו יענעם, הייבט מען אים אָן צו קענען און שפירן.** אַזוי אַרבעט דער סדר הבריאה, ווי **רש״י** ברענגט אויפ׳ן פסוק (בראשית יח, יט) ׳כי ידעתיו למען אשר יצוה׳, אַז ווען אַ מענטש האָט ליב איינעם, קען ער אים גוט. **ווען מ׳איז נאָענט מיט אַ צווייטן, פאַרשטייט מען יענעמ׳ס תכונת הנפש, מען שפירט יענעמ׳ס אהבה און נאָענטקייט.**

דאָס זעלבע איז כביכול כלפי דעם רבוש״ע. וויפיל מער אַ מענטש איז נאָענט מיט׳ן אויבערשטן, **וויפיל מער ער רעדט מיט אים, אַזויפיל מער וועט ער אָנהויבן שפירן די שייכות** וואָס ער האָט מיט׳ן אויבערשטן.

אין אָנהויב, ווען ער הייבט אן רעדן צו השי״ת, שפירט ער נאָכנישט אַ נאָענטקייט פון אַ טאַטע צו אַ קינד. ער דאַוונט פאַר זיינע געברויכן פונקט ווי אַ משולח קומט אַריין צו אַ שטוב פון אַ נגיד: ״אָה, דאָ טיילט מען געלט? איך דאַרף אַ נדבה״... אָבער צוביסלעך, אויב ער געוואוינט זיך איין צו רעדן נאָך און נאָך, אפילו ער האָט נאָכנישט קיין געפילן און קיין הבנה, **באַקומט ער שטאַפּלווייז די הרגשה** פון אַ שייכות צווישן אַ טאַטע מיט אַ קינד.

### לערנען, דאַווענען, תהלים און מאה ברכות

ווען אַ איד פירט זיך מיט׳ן סדר וואָס חז״ל האָבן אויסגעשטעלט, סיי מיט׳ן חלק פון תורה ותפלה, סיי מיט׳ן חלק פון מאה ברכות, און אַזוי אויך מיט׳ן זאָגן תהלים. **אויף יעדן טריט און שריט דאַנקט ער דעם רבוש״ע;** ער איז מכיר אַז דער אויבערשטער האָט אים יעצט געהאָלפן: ״ער האָט מיר געגעבן צו עסן, ער האָט מיר געגעבן מיינע געברויכן. ער האָט מיר געמאַכט געזונט, ער האָט מיר געהאָלפן מיט ׳ומפליא לעשות׳, אפילו בשעת איך האָב געזינדיגט העלפט מיר דער אויבערשטער און ער גיט זיך אָפּ מיט מיר״ - **דעמאָלט הייבט אן אַריינצוגיין דער טיפער געפיל** פון ׳בנים אתם לה׳ אלקיכם׳.

די עבודה פון אַ איד איז אַלזאָ: **צו רעדן מיט׳ן רבוש״ע, דורך תורה, דורך תפלה, דורך די מאה ברכות, דורך זיך פאַרלאָזן מיט בטחון אויף השי״ת.** אַזוי וועט ער צוביסלעך

המשך בעמוד הקודם ›››

יש להשיג הגליונות בהרי הקעטסקילס במשך הקיץ אצל:

Apple Tree Supermarket
1885 NY-52, Liberty, NY

ביהמ״ד קהל תפארת משה
55 St John St, Monticello, NY 12701

לקבל הגליון בקביעות ע״י אימייל - info@machonhavineini.com

פטרון הפצה

נתנדב לעילוי נשמתו הטהורה של הגה״ק
מ׳סאטמאר זצוק״ל
לרגל יומא דהילולא קדישא כ״ו אב
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לו ולב״ב להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.

אפשר להשיג ב׳ כרכים שיעורי חובת הלבבות באידיש במקומות דלהלן:

וומסב״ג: Central Market, קראלי שמש שטיבל, רובינפעלד ספרים, בית הספר

ב״פ: The Winery, Eichlers

מאנסי: וויזניץ שמש שטיבל, פאפא שמש, מרכז

קרית יואל: ביהמ״ד קהל יטב לב 12 גארפילד, ביהמ״ד קהל יטב לב 5 גארפילד, ביהמ״ד אהל פיגא

קעטסקילס: קראלי שמש שטיבל, NY 42 4505, South Fallsburg

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק: ביהמ״ד סאטמאר 53 לאקער #62, ביהמ״ד קראסנא לאקער #166, ביהמ״ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה, ביהמ״ד טאהש–ליד המקוה, The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג: ביהמ״ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213, ביהמ״ד בראשוב–לאקער 58, Central Market, ביהמ״ד וויען–שמש שטיבעל, ביהמ״ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי: ביהמ״ד סאטמאר Monsey 13, ביהמ״ד דעלעטין, ביהמ״ד ראדאשיץ–Airmont, ביהמ״ד דאמבראווא, ביהמ״ד וויואל משה סאטמאר, ביהמ״ד ווילעדניק, ביהמ״ד נצח ישראל–פארשעי, ביהמ״ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל: ביהמ״ד אהל פיגא, ביהמ״ד בית אלעזר, ביהמ״ד בית מנחם זאב, ביהמ״ד ישמח משה, ביהמ״ד אבני צדק, ביהמ״ד רב טוב, ביהמ״ד בית דוב

לאנדאן: ביהמ״ד סאטמאר 26 לאקער 42, ביהמ״ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25, ביהמ״ד ביאלא 45 לאקער 33, ביהמ״ד בית התלמוד ליד הביהמ״ד, ביהמ״ד חברה ש״ס בביהמ״ד

קול הביניני:
ארה״ב 718.686.8300
א״י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223